בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פון חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת פִּנְחָס (בארץ״י מַטּוֹת)

264

תשפ״ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע״י
## קרן הדפסה
## היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין בָּחוּר גֵיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה?..................א

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען לֶעבְּן מִיט אַ מַאן וָואס הִיט נִישְׁט שַׁבָּת?..................ג

פַּארְוָואס רֶעדְן אוֹיף עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן נִישְׁט חֲתוּנָה זֵייעֶרְע קִינְדֶער?..................ה


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


דַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה אִיז גֶעוָואנְדְן אִין רֶעדְן שֵׁיין דַיין ווַייבּ..................א

רוּף דִי קִינְדֶער מִיט שֵׁיינֶע נֶעמֶען, "צַדִיקְ'ל", "זִיסְקֵייט", "לִיכְטִיגְקֵייט"..................א

הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ בֶּעטְן פוּן אַלֶע עֶלְטֶערְן שְׂכַר לִימוּד..................ג

אַ זְכִיָ' צוּצוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַּאר תִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן..................ג

קַארְגְט נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר דִי קִינְדֶער..................ד

ווִי הָאט מֶען כֹּחַ צוּ זַיין אַ מְנַהֶלֶת?..................ד

מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט עֶרְקָאנְדִישְׁן בַּיי אַייךְ אִין אָפִּיס..................ה

עֶנְדֶערְשׁ מַאכְן אֵיין גְרוֹיסֶע קְלַאס אוּן נֶעמֶען אַ הֶעלְפֶער..................ו

זַיין אַ לֶערֶערִין אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער, אָבֶער עֶס לוֹינְט דִי הָארֶעוואַנְיֶע..................ו

אִיר טוּט אַזוֹיפִיל פַּאר אוּנְזֶער מוֹסָד אוּן דִי קְהִילָה..................ז

אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס הֶעלְפְט דֶער רֶבִּי אוּן זַיינֶע מוֹסְדוֹת..................ח

דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ רֶעסֶעפִּי..................ח

צִינְדְט אָן פַּאר דִי קִינְדֶער נָאר עֶרְלִיכֶע נִיגוּנִים..................ט

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּארְ'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אַזוֹי גֶעטְרֵיי..................ט

אֲפִילוּ דִי פַארְשְׁפִּילְטֶע קִינְדֶער הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט.......................................ט
אַ כָּבוֹד פַאר בֵּית פֵּיגָא צוּ הָאבְן אַזֶעלְכֶע לֶערֶערִינְס וְוִי אַייךְ ......................'
דִי שְׁמֵייכְל וָואס אַ תַּלְמִידָה בַּאקוּמְט, דָאס בּוֹיט אִיר אוֹיף..............'
אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט פַאר דִי חֵדֶר, סְקוּל אוּן קָאנְטְרִי ...........................'
וֶוען אִיךְ קוּם אִין חֵדֶר, בַּאקוּם אִיךְ כֹּחַ אָנְצוּגֵיין ....................................יא
אַרַיינְגֶעלֵייגְט יֶעדֶע טְרָאפּ בְּלוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער ...........................יא
מֶען דַארְף דִיךְ הָאבְן אִין אָפִּיס..................................................יב
דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט צוּרִיקְפַאלְן פוּן עִבְרִי אִין דִי זוּמֶער וָואכְן.................יד
דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן..........................יד
שְׁרַייבְּט מִיר וָואס מֶען דַארְף פַארְדֶערְכְטְן אִין אָפִּיס..........................טז
דִי זוּמֶער וָואכְן אִין קֶעמְפּ זֶענֶען קְרִיטִישׁ וִוִיכְטִיגֶע וָואכְן פַאר דִי קִינְדֶער ...........טז
יֶעדֶע קִינְד זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן וְוִי עֶר אִיז דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד ...........................יז
אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְף מֶען אוֹיךְ מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין ...........................יז
אַ גְרוֹיסֶע מוֹדָעָה, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, מֶען זָאל נִישְׁט פָארְן שְׁנֶעל אִין שְׁטֶעטְל .........יח
אַ פְרִישֶׁער בָּחוּר מַאכְט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ..........................יט
אַז עֶס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס נָאר גוּט..................................כא
הָאסְט שׁוֹין גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הִימְל?..................................................כב
מִיט אַפָּאר וֶוערְטֶער נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס..............................כג
דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי וְוִי אַ דְרֵייוֶוער..................................................כד
אִין דִי דְרֵיי וָואכְן מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין צַאמְקוּם בַּיים יַם...........................כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין בָּחוּר גֵיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי בְּרִיווּ [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אִיבֶּער נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה, וִוי וַוייט מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, עֶס זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

בַּיים סוֹף פוּנֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבְּט דֶער ראֹש יְשִׁיבָה: "אֲפִילוּ בָּחוּרִים טָארְן נִישְׁט זַיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה, עֶס דַארְף זַיין אַ מִקְוֶה אִיד וָואס קוּקְט זִיךְ אוּם עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס", הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי מַיין זוּן וֶוערְט אִם יִרְצֶה ה' בַּר מִצְוָה אִין אַ חוֹדֶשׁ אַרוּם, וֶועל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער ראֹש יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶרְקְלֶערְן וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט דָאס אוֹיס אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, זָאל אִיךְ גֵיין מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם אִין מִקְוֶה יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים? אוּן וָואס טוּט מֶען אוֹיבּ מִיר שְׁטֵייעֶן נִישְׁט אוֹיף אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט? זָאל אִיךְ אִים אָנְזָאגְן נִישְׁט צוּ גֵיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה בִּיז אַ גֶעוִויסֶע עֶלְטֶער? זָאל עֶר גֵיין נָאר אִין גֶעוִויסֶע שָׁעוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

בְּדֶרֶךְ כְּלַל זֶענֶען יוּנְגֶע בָּחוּרִים אַזוֹי וִוי קִינְדֶער; אַז מֶען הָאט בַּר מִצְוָה, מֶען טוּט זִיךְ אָן אַ הוּט אוּן רֶעקְל - מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז מֶען אִיז שׁוֹין דֶערְוַואקְסְן אוּן מֶען אִיז גֶענוּג פַאְרְשְׁטֶענְדְלִיךְ זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס. אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר קֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין אַלֵיינְס אִין מִקְוֶה, אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר אִיז אַ קִינְד.

נָאר אַז מֶען גְרֵייט אָן דִי קִינְדֶער, מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטְס - דֶעמָאלְט קֶענֶען זֵיי גֵיין אַלֵיינְס אִין מִקְוֶה, אָבֶער נָאר אַז מֶען גְרֵייט זֵיי אָן; זֵיי וֵוייסְן פוּן וָואס זִיךְ צוּ הִיטְן.

הָעִקָּר דַאוֶוענְען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג; תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁלִיסְל פַאר גוּטֶע קִינְדֶער, תְּפִלָּה אִיז דֶער סוֹד פוּן גוּטֶע קִינְדֶער. מוֹהֲרַא"ש דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בְּשָׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר הֵיילִיגֶע קִינְדֶער"; מִיט תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין מִקְוֶה מִיט צְנִיעוּת**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה וְכוּ'; אִיךְ נֶעם מַיינֶע קִינְדֶער מִיט מִיר עֶרֶב שַׁבָּת אִין מִקְוֶה. מוֹהֲרַא"ש דֶערְצֵיילְט, עֶר פְלֶעגְט גֵיין מִיט זַיין טַאטֶע עֶרֶב שַׁבָּת אִין מִקְוֶה וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען גָאר יוּנְג. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט מִיךְ אוֹיךְ גֶענוּמֶען אִין מִקְוֶה פוּן גָאר יוּנְג.

עֶס אִיז זִיכֶער כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת, אַזוֹי וֶועסְטוּ זֵיי קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בִּקְדוּשָּׁה וּבִצְנִיעוּת.

זָאלְסְט זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה, זָאלְסְט זֵיי לֶערְנֶען זִיךְ צוּ פִּירְן אֵיידְל; זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן מִיטְ'ן פָּנִים צוּם וַואנְט, זִיךְ צוּדֶעקְן מִיטְ'ן הַאנְטוּךְ בִּיזְן מִקְוֶה, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע וְכוּ' וְכוּ'; נָאר מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ וֶועלְן זֵיי זִיךְ פִּירְן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג.

אִיךְ גֵיי מִיט מַיינֶע קִינְדֶער עֶרֶב שַׁבָּת גָאר פְּרִי; גְלַייךְ נָאךְ חֲצוֹת וֶוען דִי מִקְוֶה אִיז נָאךְ לֵיידִיג - דֶעמָאלְט אִיז גְרִינְג אִין אַלֶע וֶועגְן. אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין פְּרִי - נֶעם אִיךְ זֵיי נִישְׁט יֶענֶע וָואךְ אִין מִקְוֶה; אִיךְ גֶעב זֵייעֶר אַכְטוּנְג זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג.

וֶוען אִיךְ פָּאר שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דָארְט הָאבּ אִיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם, דָארְט נֶעם אִיךְ נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה, וַוייל לְעֵת עַתָּה אִיז דָארְט דָא אַ קְלֵיינֶע מִקְוֶה, אוּן דָארְט זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס קוּקְן מִיךְ נָאךְ אוּן מַאכְן מִיךְ נָאךְ, זֵיי גֵייעֶן אַלֶע פְּרִי אִין מִקְוֶה. דֶעמָאלְט נֶעם אִיךְ מַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אִין שְׁטָאט אֵיידֶער אִיךְ פָּאר אַרוֹיס; אִיךְ טוּ אַלֶעס זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן מִקְוֶה דַארְף מֶען ווִיסְן אַז קִינְדֶער טָארְן נִישְׁט גֵיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה, אֲפִילוּ בָּחוּרִים טָארְן נִישְׁט זַיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה, עֶס דַארְף זַיין אַ מִקְוֶה אִיד וָואס קוּקְט זִיךְ אוּם עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, וַוייל לֵיידֶער הַיינְט זֶענֶען דָא קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס לָאקֶערְן אוֹיף קִינְדֶער אוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין שְׁמִירָה אִין יֶעדֶע מִקְוֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים].

...]

**ווִי אַזוֹי קֶען מֶען לֶעבְּן מִיט אַ מַאן וָואס הִיט נִישְׁט שַׁבָּת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר מַיין זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, אִיךְ וֵויְיס אֲפִילוּ נִישְׁט

ווִיפִיל אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַן עֶרְלִיכֶער מַאן וָואס הִיט תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת.

דִי וָואךְ שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי מַיין שְׁוֶועסְטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִיפִיל אִיךְ דַארְף לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין מַאן הִיט שַׁבָּת, אִיר מַאן אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְץ שַׁבָּת אוֹיף זַיין טֶעלֶעפָאן, עֶר אִיז קוֹים אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַפָּאר מִינוּט דָא אוּן דָארְט פַאר דִי סְעוּדָה, אָבֶּער עֶר אִיז נָאכְגַאלְךְ דֶער וָואס הַאקְט קֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, עֶר טַעֲנָה'ט אַז זָאגְן מִשְׁנָיוֹת הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ אַ בִּיטֶער גֶעלֶעכְטֶער. עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער עֶר קֶען אַלֶעס אָפְּפְרֶעגְן מִיט רְאָיוֹת אוּן פְּשָׁטִים.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי מַיין שְׁוֶועסְטֶער קֶען לֶעבְּן מִיט אַ מַאן וָואס הִיט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; פוּן אֵיין זַייט ווִיל זִי זִיךְ נִישְׁט גֶט'ן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל זִי נִישְׁט ווַייטֶער לֶעבְּן אַזוֹי.

שְׁכּ֒חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הִיט שַׁבָּת, אַז מַיין מַאן הִיט שַׁבָּת! שְׁכּ֒חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין תַּאֲוָה צוּ נוּצְן מַיין טֶעלֶעפָאן שַׁבָּת!

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דָאס הַארְץ רַייסְנְדֶע בְּרִיוו.**

**אוֹי עֶס רַייסְט דָאס הַארְץ, אוֹי עֶס שְׁטֶעכְט אִין הַארְץ - צוּ הֶערְן ווִי טַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק.**

**אֶפְשָׁר זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער אוּן אִיר מְקָרֵב זַיין מִיט אִיר מַאן; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז ווִי נָאר זֵיי וֶועלְן טוֹעֶם זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן, זֵיי וֶועלְן הֶערְן דִי זִיסֶע חִיזוּק, דִי זִיסֶע רֵייד פוּן רֶבִּי׳ן וֶועט עֶר תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דִי שְׁטוּבּ וֶועט בְּלַייבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ.**

**דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט** (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שמ)**: ״דִי וֶועלְט זָאל מִיר הֶערְן אֵיין תּוֹרָה מִיט דֶעם נִיגוּן אוּן מִיטְ׳ן טַאנְץ, וָואלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען״.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
...

## פַארְוָואס רֶעדְן אוֹיף עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן נִישְׁט חֲתוּנָה זֵייעֶרֶע קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ שַׁארְפֶע בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶעגְן עֶלְטֶערְן וָואס אַיילְן זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט דָארְט: פְּלָאֵי פְּלָאִים! אַלֶעס טוּט מֶען, אַלֶעס מַאכְט מֶען, אָבֶער וֶוען דָאס קִינְד בֶּעט דִי עֶלְטֶערְן: "אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן", "אִיךְ ווִיל אַ שִׁידוּךְ" - נֶעמְט מֶען אַרוֹיס פוּן שַׁאנְק אַ שֵׁיינֶע הֶעבְרֶעֶע סָארְט וָוארְט אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן זָאגְן: "עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט", "עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט בַּאשֶׁערְט", "עֶס וֶועט קוּמֶען דִי בַּאשֶׁערְטֶע מִינוּט". אַלֶעס בִּיז אַהִין טוּט מֶען אוּן מֶען מַאכְט, אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט גֵייט אָן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן בַּאשֶׁערְט; אַז מֶען מַאכְט אַ טָעוּת, מֶען פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי צַייט - שְׁרֵייט מֶען, אַז מֶען הָאט עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעגָאסְן - כַאפְּט מֶען קוֹלוֹת; נִישְׁט קַיין בַּאשֶׁערְט, נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אוּן ווִי נָאר דָאס קִינְד בֶּעט: "אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן", "אִיךְ ווִיל זַיין רֵיין", "אִיךְ ווִיל בּוֹיעֶן מַיין שְׁטוּבּ" - הוֹיבְּט מֶען אָן זִינְגֶען דִי נִיגוּן פוּן בַּאשֶׁערְט. בֶּעט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, זַיי אָפְּן מִיט זֵיי; זֵיי טוּעֶן וָואס אִיז גוּט פַאר זֵיי, דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר אַלֵיינְס, דוּ דַארְפְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אָנְהוֹיבְּן דַיין לֶעבְּן.

אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין, ווִי נֶעמְט מֶען דִי חוּצְפָּה צוּ טְרִינְקֶען בְּלוּט פוּן עֶלְטֶערְן צוּלִיבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער?! אוֹיבּ אִין דֶעם סְפֶּעצִיפִישְׁן פַאל וֵוייסְט אִיר אֶפְשָׁר אַז דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה, ווִי אַזוֹי וֵוייסְט אִיר אָבֶער וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע - אַז אִיר קֶענְט דָאס שְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן?

ווִיפִיל עֶלְטֶערְן לָאזְן יֶעדְן טָאג טְרֶערְן וֶועגְן שִׁידוּכִים פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶועט אִיר זָאגְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ צִי שְׁטַארְק? זֵיי מֶעגְן מְחֻלָּק זַיין מִיט אַייךְ, זֵיי מֵיינֶען נָאךְ אַזוֹי שְׁטַארְק דִי טוֹבָה פוּן זֵייעֶר קִינְד ווִי אַייךְ, אֶפְשָׁר הַאלְטְן זֵיי אַז מֶען דַארְף יָא ווַארְטְן אַבִּיסְל צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ בֶּעסֶערֶע שִׁידוּךְ פַאר זֵייעֶר קִינְד.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בָּלָק, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיט מִיר קֶענְסְטוּ מְחֻלָּק זַיין, אָבֶּער מִיט דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל קֶען קֵיינֶער נִישְׁט מְחֻלָּק זַיין; זָאל מֶען זַיין וִוי גְרוֹיס מֶען זָאל נָאר זַיין.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נָחִית דַּרְגָּא", גֵיי אַרָאפּ אַ שְׁטַאפְּל, "נְסֹב אִיתְּתָא", אוּן הָאבּ חֲתוּנָה; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן, מֶען דַארְף אַרָאפְּגֵיין אַ מַדְרֵגָה אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן; וִוי מֶעג מֶען לָאזְן קִינְדֶער וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן פַאר פַארְשְׁטוּנְקֶענֶע כָּבוֹד הַמְּדֻמֶּה?!

עַל פִּי רוֹב טוּט מֶען נִישְׁט קֵיין שִׁידוּכִים מִיט דִי קִינְדֶער נָאר צוּלִיבּ כָּבוֹד, יִחוּס; מֶען זִיךְ אַ שִׁידוּךְ זָאל פַּאסְן, אַ מְיֻחוּס'דִיגֶע זַאךְ, אַ מִשְׁפָּחָה מִיט אַ אוֹיסְרוּפְלִיכֶע נָאמֶען, אַ מִשְׁפָּחָה וָואס וֶועט בְּרֶענְגֶען כָּבוֹד; פְּרֶעג אִיךְ דִיר, וֶועגְן אַבִּיסְל גַּאֲוָה מֶעג מֶען מְעַגֵן זַיין דִי זִין אוּן טֶעכְטֶער? דָאס הֵייסְט רַחֲמָנוּת'דִיגֶע עֶלְטֶערְן? צוּ לָאזְן דִי קִינְדֶער פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן פַאר פַארְשְׁטִינְקֶענֶע כָּבוֹד? דָאס אִיז רַחְמָנוּת?!

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי עֶלְטֶערְן וָואס הַאלְטְן אָפּ שִׁידוּכִים פַאר דִי קִינְדֶער - אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (אֵיכָה ד, י): "יְדֵי נָשִׁים רַחֲמָנִיּוֹת" דִי רַחֲמָנוּת'דִיגֶע מַאמֶעס, "בִּשְּׁלוּ יַלְדֵיהֶן" הָאבְּן אָפְּגֶעקָאכְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, גֶע'הַרְגְ'ט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; דִי קִינְדֶער פַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹיפִיל קִינְדֶער גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה - נָאר צוּלִיבּ דֶעם; זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן מֶען לָאזְט זֵיי נִישְׁט, מֶען שְׁטֶעלְט אַ פָּנִים וִוי מֶען מֵיינְט זֵייעֶר גוּטְס; דָאס אִיז אַכְזָרִיּוּת - נִישְׁט קֵיין רַחְמָנוּת.

עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן קֵיין שִׁידוּכִים מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד: "מִיר הָאבְּן פָּשׁוּט רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְזֶער זוּן, אוֹיף אוּנְזֶער טָאכְטֶער; פַארְוָואס זָאלְן זֵיי אַזוֹי יוּנְג חֲתוּנָה הָאבְּן?" דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן: "עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ פַאר נָאךְ אַפָּאר יָאר; מִיר ווִילְן זֵייעֶר

גוּטְס, מִיר מֵיינֶען זֵייעֶר טוֹבָה"; דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָעוּת; וָואלְט מֶען בֶּאֱמֶת רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי קִינְדֶער - וָואלְט מֶען זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט יוּנְג, דִי עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט, אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ וִוי מֶען וֵוייסְט נִישְׁט - וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ; עֶס אִיז דָאךְ אַ פַּחַד, אַ שְׁרֶעק - וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס פְּלַאקֶערְט אַ פֵייעֶר פוּן נִיאוּף, בְּנֵי הַנְּעוּרִים פַאלְן נֶעבֶּעךְ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען אִיז נָאר דוּרְךְ זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן; דָאס אִיז רַחְמָנוּת, דָאס אִיז לִיבְּשַׁאפְט; לָאזְן וַוארְטְן דִי קִינְדֶער, זִיךְ וֶועלְן - דָאס אִיז רִשְׁעוּת!

וִוי קֶען מֶען זַיין קְלוּגֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וָואס זָאגְן (סַנְהֶדְרִין עו:): "הַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה", דֶער וָואס פִירְט זַיין שְׁטוּב, דִי זִין אוּן טֶעכְטֶער - אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, "וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִרְקָן", אוּן עֶר מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה יוּנְג, "עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר", אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט דֶער פָּסוּק (אִיּוֹב ה, כד): "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס מֶען לַיידְט זִיךְ צַאם אַזוֹיפִיל פוּן דִי יוּגֶענְט, דָאס קוּמְט נָאר פוּן דֶעם וַוייל מֶען מַאכְט זֵיי נִישְׁט חֲתוּנָה יוּנְגֶערְהֵייט, וֶוער רֶעדְט נָאךְ בַּיי טֶעכְטֶער, דָארְט זָאגְן דָאךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים קְלָאר (פְּסָחִים קיג.): "בִּתְּךָ בָּגְרָה", וֶוען דַיין טָאכְטֶער וֶוערְט צְוֶועלְף יָאר, "שַׁחְרֵר עַבְדְּךָ", בַּאפְרֵיי דַיין קְנֶעכְט, "וְתֵן לָהּ", אוּן מַאךְ אִיר חֲתוּנָה מִיט אִים, אַז דִי זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת.

וִוי מֶעג מֶען אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ? וִוי מֶעג מֶען אָפְּהַאלְטְן אַ שִׁידוּךְ? וִוי מֶעגְן עֶלְטֶערְן זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן וֶוען עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אָן קַיין אֵיין חוֹלֵק (רְמָ"א בְּיוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כה): "וְכֵן אִם הָאָב מוֹחֶה בַּבֵּן לִשָּׂא אֵיזוֹ אִשָּׁה שֶׁיַּחְפֹּץ בָּהּ הַבֵּן, אֵין צָרִיךְ לִשְׁמֹעַ אֶל הָאָב", עֶלְטֶערְן קֶענֶען נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן דֶעם קִינְד פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן; דֶער קִינְד קֶען מַאכְן דִי שִׁידוּךְ אֲפִילוּ זֵיי ווִילְן נִישְׁט, אוּן זִיכֶער אוֹיבּ עֶר פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז עֶר מְחוּיָּב חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן; דָאס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אָן קַיין אֵיין חוֹלֵק.

וֶוער עֶס זֶעט וָואס גֵייט פָאר הַיינְטִיגֶע טֶעג מִיט דִי יוּגֶענְט - שְׁטֵייט פַארְלוֹירְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, דִי אַלֶע אֲסִיפוֹת הֶעלְפְט נִישְׁט; עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן,

אֵיין עֵצָה אִיז דָא, נָאר אֵיין עֵצָה: "חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג, וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין" - דָאס וֶועט רַאטֶעוֶוען דֶעם דוֹר.

ווארִיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, זֵיי קוּקְן אוֹיף דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער; זֵיי קוּקְן נִישְׁט אוֹיף נַארִישֶׁע כָּבוֹד, נַארִישֶׁע סְבָרוֹת.

אַ טֵייל זָאגְן: אוֹיבּ מִיר וֶועלְן וַוארְטְן נָאךְ אַפָּאר יָאר - וֶועט דֶער בָּחוּר אָדֶער טָאכְטֶער וֶוערְן בֶּעסֶער, עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען מַשְׁלִים זַיין בְּתוֹרָה וַעֲבוֹדָה; הֲבֵל הֲבָלִים, נַארִישְׁקֵייטְן, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; מֶען וֶוערְט נִישְׁט בֶּעסֶער, מֶען וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין כט:): "אִם אִי אֶפְשָׁר לוֹ בְּלֹא אִשָּׁה", אוֹיבּ אִיז אִים נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אָן אַ וַוייבּ, "יִשָּׂא אִשָּׁה", זָאל עֶר חֲתוּנָה הָאבְּן, "וְאַחַר כַּךְ יִלְמֹד תּוֹרָה", אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנֶען תּוֹרָה; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה", אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי צְוָואנְצִיג, "כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה", וֶועט עֶר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס, וַוייל הֶרְגֵל נַעֲשֶׂה טֶבַע, וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ טוּן - דָאס וֶוערְט אַ נַאטוּר, אוּן ווִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין וַוייבּ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעוואוֹינְט צוּ נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וְכוּ' - וֶועט זִיךְ דָאס צִיעֶן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; ווִי קֶען מֶען זַיין קְלוּגֶער ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים? דָאס אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם? דָאס אִיז עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן?!

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דִי עֶלְטֶערְן וָואס וֶועלְן זִיךְ מֵיינֶען נָאךְ אַזוֹי דִי טוֹבָה פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ'; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַנְדֶערְשׁ ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אֵיינֶער וָואס זָאגְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַ נַאר, אַ טִיפֵּשׁ; אַז מֶען וַוארְט אוּן מֶען וֶועלְט זִיךְ - וֶוערְט מֶען נִישְׁט בֶּעסֶער, עֶס אִיז לִיגְנְט, עֶס אִיז שֶׁקֶר ווִי עֲבוֹדָה זָרָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים קיב:): "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר", וֶוער עֶס ווִיל דִינֶען דֶעם אֵיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ רֵיינְקֵייט, מִיט אַ הֵיילִיגְקֵייט, "נוֹשֵׂא אִשָּׁה", זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, "וְלוֹ בָּנִים", עֶר זָאל זַיין מִיט אַ וַוייבּ אוּן הָאבְּן קִינְדֶער; וַוייל ווִי לַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז מֶען אַ הַאלְבֶּע גוּף.

נָאךְ זָאגְן זֵיי (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, עֶר לֶעבְּט אַלֵיינְס אָן אַ וַוייבּ, "שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה", דֶער לֶעבְּט אָן קַיין שִׂמְחָה, "בְּלֹא בְּרָכָה", דֶער לֶעבְּט אָן קַיין בְּרָכוֹת, "בְּלֹא טוֹבָה", דֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֵיינְט גוּט, "בְּלֹא תּוֹרָה", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, "בְּלֹא חוֹמָה", מֶען לֶעבְּט אָן קַיין מוֹיעֶר, "בְּלֹא שָׁלוֹם", אָן קַיין פְרִידְן; דִי אַלֶע זַאכְן הָאט מֶען נִישְׁט פַאר דִי חֲתוּנָה, דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ב) לֵייגְט צוּ נָאךְ זַאכְן וָואס פֶעלְט פַארְ'ן חֲתוּנָה הָאבְן, "בְּלֹא עֵזֶר", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֶעלְפֶער, "בְּלֹא כַּפָּרָה", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַארְצֵייעֶר, "בְּלֹא חַיִּים", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן.

אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג אוּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער יוּנְג, וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה - אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (הַאֲזִינוּ רצו.): "מַאן דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, אִקְרֵי פְּלַג גּוּפָא", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה - אִיז אַ הַאלְבֶּע זַאךְ, "וְלֵית בִּרְכָתָא שַׁרְיָא בְּמִלָּה פְּגִימָא וַחֲסֵירָא, אֶלָּא בַּאֲתַר שְׁלִים", דִי בְּרָכָה קֶען נִישְׁט זַיין אִין אַ הַאלְבֶּע זַאךְ, נָאר אִין אַ גַאנְצֶע זַאךְ; נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (אַחֲרֵי, נט:) "רַבִּי יִצְחָק אָמַר", דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי יִצְחָק זָאגְט: "בְּכָל אֲתַר דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, לָאו כְּדַאי לְמֶחֱמֵי אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה - אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ זֶען דִי פָּנִים פוּן דִי שְׁכִינָה; פְרִיעֶר אִין פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא (ה.) שְׁטֵייט: "כָּל מַאן דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, "כָּל שְׁבָחָא אַעְדּוֹי מִנֵּיהּ", דֶער הָאט נִישְׁט קַיין שוּם לוֹיבּ, "וְלָאו הוּא בִּכְלָלָא דְּאָדָם", דֶער אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְנְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, "וְלֹא עוֹד, אֶלָּא דְּלָאו אִיהוּ כְּדַאי לְאִתְבָּרְכָא", אוּן עֶר אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט.

וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת הַמְדֻמּוֹת, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין אֵיין שִׁידוּךְ; שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ קַיין אֵיין טָאג, קוּק וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (קִידּוּשִׁין כט:) רַב חִסְדָּא הָאט אוֹיסְגֶערוּמְט פַאר רַב הוּנָא דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רַב הַמְנוּנָא, אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, הָאט רַב הוּנָא גֶעבֶּעטְן פוּן רַב חִסְדָּא, אִיךְ ווִיל אִים זֶען; וֶוען עֶר קוּמְט צוּ דִיר זָאלְסְטוּ אִים אַהֶער שִׁיקְן. "כִּי אָתָא, חַזְיֵיהּ דְּלָא פָּרִיס

סוּדָרָא", וֶוען רַב הַמְנוּנָא אִיז גֶעקוּמֶען הָאט רַב הוּנָא גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַלִית, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "מַאי טַעְמָא לָא פְּרִיסַת סוּדָרָא", פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט מִיט קַיין טַלִית, הָאט אִים רַב הַמְנוּנָא גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, "אַהֲדְרִינְהוּ לְאַפֵּיהּ מִינֵיהּ", הָאט רַב הוּנָא אַוֶועק גֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים פוּן אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "חָזִי דְּלָא חֲזִית לְהוּ לְאַפֵּי עַד דְּנָסְבַת", דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט זֶען דַיין פָּנִים בִּיז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**פּוּנְקְט בַּיי שִׁידוּכִים זִינְגְט מֶען דֶעם נִיגוּן אַז אַלֶעס אִיז בַּאשֶׁערְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פִּלְאֵי פְּלָאִים! אַלֶעס טוּט מֶען, אַלֶעס מַאכְט מֶען, אָבֶּער וֶוען דָאס קִינְד בֶּעט דִי עֶלְטֶערְן: "אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן", "אִיךְ ווִיל אַ שִׁידוּךְ" - נֶעמְט מֶען אַרוֹיס פוּן שַׁאנְק אַ שֵׁיינֶע הֶעכֶערֶע סָארְט וָוארְט אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן זָאגְן: "עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט", "עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט בַּאשֶׁערְט", "עֶס וֶועט קוּמֶען דִי בַּאשֶׁערְטֶע מִינוּט".

אַלֶעס בִּיז אַהִין טוּט מֶען אוּן מֶען מַאכְט, אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט גֵייט אָן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן בַּאשֶׁערְט; אַז מֶען מַאכְט אַ טָעוּת, מֶען פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי צַייט - שְׁרֵייט מֶען, אַז מֶען הָאט עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעגָאסְן - כַאפְּט מֶען קוֹלוֹת; נִישְׁט קַיין בַּאשֶׁערְט, נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אוּן ווִי נָאר דָאס קִינְד בֶּעט: "אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן", "אִיךְ ווִיל זַיין רֵיין", "אִיךְ ווִיל בּוֹיעֶן מַיין שְׁטוּבּ" - הוֹיבְּט מֶען אָן זִינְגֶען דִי נִיגוּן פוּן בַּאשֶׁערְט.

בֶּעט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, זַיי אָפְּן מִיט זֵיי; זֵיי טוּעֶן וָואס אִיז גוּט פַאר זֵיי, דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר אַלֵיינְס, דוּ דַארְפְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אָנְהוֹיבְּן דַיין לֶעבְּן].

...]

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## דַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה אִיז גֶעוָואנְדְן אִין רֶעדְן שֵׁיין דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט אַזוֹי גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ גוּטֶע וואוֹילֶע וַוייבּ מִיט אַ לִיכְטִיג קִינְד; וָואס נָאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ? וָואס נָאךְ קֶען מֶען הָאבְּן? אַז מֶען הָאט אַ מִשְׁפָּחָה אִיז מֶען רַייךְ.

אִיךְ הָאף, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר וֵוייךְ, רֶעד צוּ אִיר הַארְצִיג, דַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דֶעם; אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, מֶען רֶעדְט שֵׁיין - הָאט מֶען אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה.

גֵיי שְׁפַּאצִירְן אַבִּיסְל אִין פֶעלְד יֶעדְן טָאג, רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז דָאךְ אַ מְחַיֶ' צוּ שְׁפַּאצִירְן צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## רוּף דִי קִינְדֶער מִיט שֵׁיינֶע נֶעמֶען, "צַדִיקְ'ל", "זִיסְקֵייט", "לִיכְטִיגְקֵייט"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן אִיךְ

זָאל צוּשְׁרַייבְּן צוּ יֶעדְן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶער, אוֹיפְ׳ן פֶּעירָאל סְטָאבּ - אַפָּאר וֶוערְטֶער. אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסָד הָאבְּן מִיר גֶעהַאט גֶעצֵיילְטֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, פְלֶעג אִיךְ צוּשְׁרַייבְּן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעמְ׳ס גֶעהַאלְט - אַפָּאר וֶוערְטֶער; הַיינְט אִיז דִי מוֹסָד זִיךְ צוּאוַואקְסְן, שְׁרַייבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט. הַיינְט הָאט עֶר מִיר זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן, וֶועל אִיךְ יֶעצְט נֶעמֶען דֶעם פֶּעדֶער אִין דִי הַאנְט אוּן צוּשְׁרַייבְּן פַּאר פוּפְצִיג אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, וִוי קֶען אִיךְ זָאגְן אַז עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער, וֶוען דִי גֶעטְרֵייעֶ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע הָאבְּן יָא כֹּחַ אַרַיינְצוּקוּמֶען טָאג אֵיין טָאג אוֹיס, זֵיי טוּעֶן דִי אַרְבֶּעט אַזוֹי גֶעטְרֵיי. דוּ אַרְבֶּעטְסְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי, דוּ דְרֵייוְוסְט דִי בָּאס, טְרָאגְסְט אוּן בְּרֶענְגְסְט דִי קִינְדֶער מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט אַ גֶעטְרֵיישַׁאפְט, אוּן גְלַייךְ פוּן בָּאס לוֹיפְסְטוּ אַרַיין צוּ דִי קִינְדֶער, דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי, דוּ דַאוֶוענְסְט מִיט זֵיי, דוּ טַאנְצְט מִיט זֵיי, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין קְדוּשָּׁה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אִין זֵיי, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט - גֵייסְטוּ בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב; אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ אַז דַיין מִי אוּן פְלָאג גֵייט אִין גוּטֶע זַאכְן.

מֶענְטְשְׁן פְלָאגְן זִיךְ אוּן מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט פְלָאג אוּן מִי וָואס בְּלַייבְּט נִישְׁט; זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז דָאךְ אַזוֹי הֵיילִיג, זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב.

זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין קְלַאס, דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ קוּמֶען. לוֹיבּ אוֹיס דִי קִינְדֶער, רוּף זֵיי מִיט שֵׁיינֶע נֶעמֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "צַדִיקְ׳ל", "זִיסְקֵייט", "לִיכְטִיגְקֵייט"; אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען פַארְלִירְט זִיךְ אוּן מֶען שְׁרֵייט אוֹיף אַ קִינְד - דַארְף אַרוֹיסְקוּמֶען אַ דֵיימַאנְט; צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "זָאלְסְט מִיר זַיין גֶעזוּנְט", "אוֹי בִּיסְטוּ אַ חָכָם"; נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם: "דוּ שׁוֹטֶה", "דוּ טִיפֵּש"; הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

...

**הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ בֶּעטְן פוּן אַלֶע עֶלְטֶערְן שְׂכַר לִימוּד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד מִיט אַזַא גֶעטְרֵייסַשְׁאפְּט.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ בֶּעטְן פוּן אַלֶע עֶלְטֶערְן שְׂכַר לִימוּד; בֶּעטְס אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל; וָואס קֶען מֶען טוּן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין שְׂכַר לִימוּד, מֶען לֵייגְט שְׂכַר לִימוּד דִי לֶעצְטֶע זַאךְ, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, אִין צוּגַאבּ צוּ דֶעם דַארְפְן זֵיי דַאֲגָה׳נֶען וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען לֶעבְּן...

אִין דִי זְכוּת פוּן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד וֶועט אִיר הָאבְּן נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

**אַ זְכִיָ׳ צוּצוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס פַאר אַ גוּטֶע זַאךְ הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז מֶען הָאט דִיר אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט? דוּ דַארְפְסְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט אַזַא טֵייעֶרֶע אַמְט - צוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

"אִם אֵין קֶמַח אֵין תּוֹרָה" (אָבוֹת ג, יז), אָן עֶסְן אִיז נִישְׁטָא קַיין תּוֹרָה; דִי קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים הָאבְּן דוּרְכְדֶעם כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

בְּלַייבּ אַרְבֶּעטְן מִיט דַיין צִיצִית; הַאלְט אֵיין צִיצִית אִין קָאךְ, מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַרְבֶּעטְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק אָנְטוּן דַיינֶע זוּיבֶּערֶע קְלֵיידֶער, אָבֶער בְּלַייבּ מִיט דַיינֶע חֲסִידִי׳שֶׁע קְלֵיידֶער; זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, קַאפְּל אוּן צִיצִית.

...

### קַארְגְט נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק מָרַת ... תְּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי דִי מוֹסָד; דִי מְנַהֶלֶת תְּחְיֶ׳ זָאגְט אַז אִיר זֶענְט גָאר אַ גוּטֶע טִיטְשֶׁער.

מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע אֵיידֶעלֶע טִיטְשֶׁערְס, אִיר קַארְגְט נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, אִיר פַארְגִינְט צוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

### ווי הָאט מֶען כֹּחַ צוּ זַיין אַ מְנַהֶלֶת?

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק מָרַת ... תְּחְיֶ׳ מְנַהֶלֶת בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

יֶעצְט וֶוען דִי יָאר אִין סְקוּל בֵּית פֵּיגָא אִיז אַרִיבֶּער, מִיר הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט נָאךְ אַ יָאר בֵּית פֵּיגָא - קוּמְט אַייךְ אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְ׳ן פִירְן דִי סְקוּל מִיט אַזַא גֶעטְרֵיישַׁאפְט.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיר אַרְבֶּעט בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער, דִי אַרְבֶּעט אִיז אַייךְ זִיס, אִיר הָאט לִיבּ צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז דִי סִימָן פוּן אַ גֶעטְרֵייעֶ טִיטְשֶׁער, אַ גֶעטְרֵייעֶ מְנַהֶלֶת; מֶען ווִיל דִי אַרְבֶּעט, מֶען ווִיל זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי אַ גֶעטְרֵייעֶ מַאמֶע וָואס וַוארְט אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן ווִיל דִי קִינְדֶער.

מֶענְטְשְׁן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, ווִי הָאט מֶען כֹּחַ צוּ זַיין אַ מְנַהֶלֶת? ווִי הָאט מֶען כֹּחַ פַאר יֶענֶעמְ׳ס קִינְדֶער וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט כֹּחַ צוּ דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער? דִי פְרַאגֶע אִיז דִי עֶנְטְפֶער, טַאקֶע דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער - דִי קֶענֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אָבֶּער אַ מְחַנֵךְ, אַ מְחַנֶכֶת קוּקְט אוֹיף קִינְדֶער מִיט אַנְדֶערֶע אוֹיגְן ווִי סְתָּם אֵיינֶער; זֵיי זֶעעֶן

נְשָׁמוֹת, רֵיינֶע נְשָׁמוֹת פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, וָואס וַוארְטְן אֵיינֶער זָאל זֵיי גֶעבְן וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ הַצְלָחָה פַארְ'ן זוּמֶער; דִי זוּמֶער אִין מַחֲנֶה בֵּית פֵיגָא זָאל זַיין מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה.

...

## מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט עֶירְקָאנְדִישְׁן בַּיי אַייךְ אִין אָפִיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק
מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט נִישְׁט זָארְגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶר וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים; דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט אִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייעֶר מִשְׁפָּחָה.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ יָאר אִין בֵּית פֵיגָא, מִיר דַאנְקֶען אַייךְ פַאר דִי אַרְבֶּעט וָואס אִיר לֵייגְט אַרַיין דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן זַייט אוּנְז מוֹחֵל אוֹיף דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֵייגְן אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן בַּיי אַייךְ אִין אָפִיס, אוּן אִיר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אִין דִי הִיצְן. אִיךְ קֶען סַךְ הַכֹּל בֶּעטְן, אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען לֵייגְט אַרַיין אַן עֶירְקָאנְדִישְׁן; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל אָנְקוּמֶען דָאס צוּ טוּן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, זַייט נִישְׁט פַארְ'דַאֲגָה'ט; דִי וֶועלְט הָאט אַ בַּעַל הַבַּיִת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אַזוֹי זִיס אוּן אַזוֹי שֵׁיין, מִיר דַארְפְן נָאר גְלֵייבְּן אוּן אִים בֶּעטְן.

...

## עֶנְדֶערְשׁ מַאכְן אֵיין גְרוֹיסֶע קְלַאס אוּן נֶעמֶען אַ הֶעלְפֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

מָרַת ... תִּחְיֶ' הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס מֶען זָאל טוּן זוּמֶער וֶוען עֶס קוּמֶען נָאךְ מֵיידְלֶעךְ, אוֹיב מֶען זָאל עֶנְדֶערְשׁ צוּטֵיילְן אַייעֶר קְלַאס אוֹיף צְוֵויי?

אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט, עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּטֵיילְן, נָאר מֶען זָאל אַרַיינְשְׁטֶעלְן אַ הֶעלְפֶער, וַוייל אִיךְ וִויל אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען בַּיי אַייךְ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַ פַאךְ, אַ מַתָּנָה - וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וֵוייךְ, שֵׁיין, מִיט שֵׂכֶל אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאל זַיין אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין; דָאס קֶען נִישְׁט יֶעדֶער בַּאוַוייזְן, דָאס אִיז אַ מַתָּנָה; צוּ הָאבְּן בֵּיידֶע כֹּחוֹת, סֵיי עֶס זָאל זַיין סֵדֶר, אוּן אוֹיךְ אַיינְגֶענֶעם - דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע מְחַנֶּכֶת.

אִיךְ הָאף אַז זוּמֶער וֶועט זַיין גְרִינְג פַאר אַייךְ, אוּן אוֹיבּ אִיר שְׁפִּירְט אַז דִי אַרְבֶּעט אִיז צוּ שְׁוֶוער - קֶען מֶען אַלְץ צוּטֵיילְן. אִיךְ טְרַאכְט מֶען זָאל יָא פְּרוּבִּירְן מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע קְלַאס אוּן צוּנֶעמֶען נָאךְ אַ טִיטְשֶׁער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ אַייעֶר מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ בִּין זִיכֶער, וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוִויסְט וִוי שְׁטַארְק אִיךְ בֶּענְק זִיךְ - וָואלְט עֶר אַמָאל זִיךְ בַּאוִויזְן פַאר מִיר.

...

## זַיין אַ לֶערֶערִין אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער, אָבֶער עֶס לוֹינְט דִי הָארֶעוואַנְיֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן זַיין אַ טִיטְשֶׁער בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶועְרֶע אַרְבֶּעט צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער, אַ גַאנְצֶע קְלַאס; יֶעדְן טָאג קוּמְט אַ צְוֵוייטֶע פַּרְשָׁה, קִינְדֶער זֶענֶען דָאךְ קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן נִישְׁט

לֶערְנֶען, זֵיי ווילְן זיך פִירְן מִיט דִי נַאטוּר זֵייעֶרֶע וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

זַיין אַ טִיטְשֶׁער אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ; עֶס לוֹינְט דִי שְׁוֶוערֶע הָארֶעוַואנְיֶע.

לֶערְנְט אוֹיס פַּאר דִי קִינְדֶער דִי מִדָּה פוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, זֵיי זָאלְן זָאגְן שְׁכּחַ פַּאר אַנְדֶערֶע אוּן זִיכֶער פַּארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

...

### אִיר טוּט אַזוֹיפִיל פַּאר אוּנְזֶער מוֹסָד אוּן דִי קְהִילָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק מָרַת ... תְּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אָנְצוּהוֹיבְּן, אִיר טוּט אוּן אִיר טוּט אַזוֹיפִיל פַּאר אוּנְזֶער מוֹסָד אוּן דִי קְהִילָה. אָנְגֶעפַּאנְגֶען מִיט דִי מוֹסָד, דִי אָפִּיס; אִיר זֶענְט דִי מוֹסָד, אִיר טְרָאגְט דִי אַחְרַיוּת פוּן א׳ בִּיז ת׳ מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, אוּן אִיר וֶוערְט נִישְׁט זַאט.

גֶעוֶוענְלִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נָאכְן עֶנְדִיגְן אַרְבֶּעטְן גֵייט מֶען אַהֵיים אוּן שׁוֹין, בַּיי אַייךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ פְרִישֶׁע אַרְבֶּעט אִין דִי נַאכְט שָׁעוֹת, טָהֳרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל; אִיר הָאט גֶענוּמֶען דִי אַחְרַיוּת פוּן זַיין דִי בַּאקוּקֶערְן אוּן זֶען אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה. אַייעֶר מַאן אִיז מִיר אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעטְרֵיי; דִי גַאנְצֶע עוֹל פוּן אוּמַאן הָאט עֶר גֶענוּמֶען, אוֹיךְ פוּן דִי הַדְפָּסָה, אוּן פוּן נָאךְ צֶענְדְלִיגֶער זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעזוּנְט אוּן נַחַת.

וֶוען דִי מַלְאָךְ מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן וֶועט קוּמֶען, וֶועט אִיר זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁרֶעקְן; דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן וֶועט אַייךְ בַּאשִׁיצְן.

...

## אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס הֶעלְפְט דֶער רֶבִּי אוּן זַיינֶע מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אֵייעֶר אַרְבֶּעט, מֶען גֶעבְּט מִיר אִיבֶּער פוּן אָפִּיס אַז אִיר טוּט דִי אַרְבֶּעט גוּט אוּן שְׁנֶעל.

מִן הַסְתָּם אִיז דָא בַּיי אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער וואו מֶען צָאלְט אֶפְשָׁר שֶׁענֶער, אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס הֶעלְפְט דֶער רֶבִּי אוּן זַיינֶע מוֹסְדוֹת.

...

## דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ רֶעסֶעפִּי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ אַז דוּ קָאכְסְט פַאר דִי מוֹסָד, דוּ גְרֵייטְסְט אָן עֶסְן פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ רֶעסֶעפִּי, מִיר הָאבְּן אַ סְפֵּייס פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען מֶען נֶעמְט דֶעם טָאפּ שֶׁעפְּשֶׁעט מֶען תְּפִילוֹת:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֵיי יֶעצְט קָאכְן, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע מָאלְצַייט, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג, הֶעלְף מִיר דִי קִינְדֶער זָאלְן דָאס עֶסְן, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִי עֶסְן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר דִי זְכִיָ' צוּ אַרְבֶּעטְן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִיךְ קֶען צוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַאר צֹאן קָדָשִׁים; שִׁיק מִיר דַיינֶע מַלְאָכִים זָאלְן מִיר הֶעלְפְן אַז דִי אַרְבֶּעט זָאל מִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג, אָמֵן".

דָאס אִיז אוּנְזֶער רֶעסֶעפִּי, דִי עֶסְן קוּמְט אוֹיס דֶעלִישֶׁעס, עֶס אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע עֶסְן וֶוען מֶען בֶּעט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...

### צִינְדְט אָן פַאר דִי קִינְדֶער נָאר עֶרְלִיכֶע נִיגוּנִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן בֶּעבִּי סִיטְן דִי קִינְדֶער פוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

וֶוען איר צִינְדְט אָן מוּזִיק פַאר זֵיי - זָאל דָאס נָאר זַיין אוּנְזֶערֶע נִיגוּנִים, עֶס אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן נִיגוּנִים פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס; צִינְדְט אָן נָאר נִיגוּנִים פוּן יְשִׁיבָה, ״טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה״, אָדֶער שְׁטַייטֶע עֶרְלִיכֶע נִיגוּנִים.

...

### יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אַזוֹי גֶעטְרֵיי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

בִּזְכוּת הֶעלְפְן דִי מוֹסָד זָאלְט אִיר הָאבְּן שֶׁפַע, בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה.

...

### אֲפִילוּ דִי פַארְשְׁפִּילְטֶע קִינְדֶער הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר אַ טִיטְשֶׁער ׳וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין דֶען?׳ עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן ׳אַ שָׁאד דִי אַרְבֶּעט׳.

דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען נִישְׁט וָואר, יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער - הֶערְן זֵיי אוֹיס, עֶס גֵייט אַרַיין אִין זֵיי; אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁפִּילְט וְכַדוֹמֶה - גֵייט דָאס אַרַיין אִין זֵיי, אוּן דָאס מַאכְט זֵיי עֶרְלִיךְ אוּן וואויל.

דִי קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אַלֶע אָן אוֹיסְנַאם.

...

**אַ כָּבוֹד פַאר בֵּית פֵיגָא צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע לֶערֶערִינְס וִוי אַייךְ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק מָרַת ... תְּחִיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶס קוּמְט אַייךְ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן לֶערְנֶען מִיט בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת; דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיר גֶעבְּט אִיז פוּל מִיט תּוֹכֶן, פוּל מִיט שֵׂכֶל; דִי קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה, עֶס בּוֹיט זֵיי אוֹיף פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן.

עֶס אִיז אַ כָּבוֹד פַאר בֵּית פֵיגָא צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע לֶערֶערִינְס אַזוֹי וִוי אַייךְ.

...

**דִי שְׁמֵייכְל וָואס אַ תַּלְמִידָה בַּאקוּמְט, דָאס בּוֹיט אִיר אוֹיף**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק מָרַת ... תְּחִיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן לֶערְנֶען מִיט בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת, מִיר זֶענֶען אַייךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט מִיט זֵיי.

דִי שְׁמֵייכְל וָואס אַ תַּלְמִידָה בַּאקוּמְט פוּן אַ טִיטְשֶׁער, דִי גוּט וָוארְט, דִי שְׁטַארְקַייט 'דוּ קֶענְסְט יָא!' 'דוּ קֶענְסְט גוּט!' דָאס בּוֹיט זֵיי זֵייעֶר אוֹיף, עֶס שְׁטַארְקְט זֵיי פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן; דָאס בַּאקוּמֶען זֵיי בַּיי אַייךְ.

...

**אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט פַאר דִי חֵדֶר, סְקוּל אוּן קָאנְטְרִי**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ זֶע יֶעצְט פוּן דֶער נָאנְט אַבִּיסְל וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, וִוי דוּ זָארְגְסְט פַאר דִי חֵדֶר, סְקוּל אוּן קָאנְטְרִי - מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט; אִיךְ שְׁטֵיי אוּן שְׁטוֹין וִוי הָאסְטוּ אַזוֹיפִיל כֹּחַ, מַמָּשׁ אוּמְגְלוֹיבְּלִיךְ... פוּן פַארְטָאגְס בִּיז בַּייְנַאכְט בִּיסְטוּ אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי מוֹסָד.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע דַאנְק פַארְ'ן יָא מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר,

דָאס אִיז פַאר מִיר דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, אַז מִיר אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע דַאנְק פַאר דַיין אֵשֶׁת חַיִל תִּחְיֶ׳ אַז זִי לָאזְט דִיר אַזוֹיפִיל טוּן פַארְ׳ן מוֹסָד.

...

## װֶוען אִיךְ קוּם אִין חֵדֶר, בַּאקוּם אִיךְ כֹּחַ אָנְצוּגֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר מְלַמֵד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין הַיינְט בַּיי דִיר אִין כִּתָּה, לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי שִׁיעוּר גְמָרָא, דִי קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר גוּט מִיט גֶעהַאלְטְן.

דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע נַחַת, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ װַייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל אוֹיפְ׳ן קָאפּ, אוֹיסֶער דִי צָרוֹת װָאס אִיךְ הֶער אוֹיס טָאג טֶעגְלִיךְ פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, יֶעדֶער אֵיינֶער זַיין פֶּעקְל; אָבֶּער װֶוען אִיךְ קוּם אִין חֵדֶר, אִיךְ זֶע דִי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, װִי זֵיי לֶערְנֶען אוּן דַאװֶענֶען מִיט אַ חַיוּת, דָאס אִיז דָאךְ מֶער פוּן אַלֶעס.

דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים; דוּ הָאסְט דָאךְ אַסַאךְ װָאס צוּ דֶערְצֵיילְן, דוּ װֵייסְט אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים; דָאס װֶעט זֵיי אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶרֶע רֵיינֶע הֶערְצֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## אַרַיינְגֶעלֵייגְט יֶעדֶע טְרָאפּ בְּלוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר מְלַמֵד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

װִי שְׁװֶוער דוּ אַרְבֶּעטְסְט, װִי אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט דוּ װֶוערְסְט - אִיז נָאכְאַלְץ כְּדַאי צוּ זַיין אַ מְלַמֵד, װַייל יֶעדֶער אֵיינֶער אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁװֶוער, יֶעדֶער

וֶוערְט אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט, דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד אִיז אַז דֶער מְלַמֵּד וָואס טוּט זַיין אַרְבֶּעט בְּנֶאֱמָנוּת - בּוֹיט אִידִישְׁקֵייט, עֶר בּוֹיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, עֶר נֶעמְט מִיט מִיט זִיךְ זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן.

בְּרוּדֶער, אִיךְ טוּ דָאס פַּאר כִּמְעַט צְוַואנְצִיג יָאר, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּן מִיט דִיר; וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעאַרְבֶּעט מִיט דִיר, גֶעשְׁוִויצְט מִיט דִיר, הַיינְט זֶע אִיךְ שֵׁיינֶע פֵּירוֹת פוּן דִיר אוּן פוּן אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים.

אוֹיךְ, הַיינְט וֶוען אִיךְ פְּלָאג זִיךְ טְרַאכְט אִיךְ 'וָואס טוּ אִיךְ דָא?' אִיךְ פַּאל פוּן מַיינֶע כֹּחוֹת, אָבֶּער וֶוען אִיךְ טְרַאכְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן גֶעטוּן מִיט יֶעדֶע טְרָאפּ בְּלוּט... מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס זָאל מִיךְ מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער דוּ הָאסְט דָאךְ דִי הִתְחַזְּקוּת פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, דַארְף דִיר דָאס זַיין גְרִינְגֶער".

בְּרוּדֶער, מִיר זֶענֶען גְלִיקְלִיךְ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי.

...

## מֶען דַארְף דִיךְ הָאבְּן אִין אָפִּיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת קֹרַח, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, וַוארְף אַוֶועק דִי קַטְנוּת הַדַּעַת; אִיךְ זֶע דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט סוֹף כָּל סוֹף יָא גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג דִיר אַוֶועקְצוּנֶעמֶען פוּן דִי מוֹסְדוֹת, מִיט דִי פַאלְשֶׁע שִׁיטוֹת דַיינֶע 'וָואס גֶעבּ אִיךְ שׁוֹין צוּ?' 'וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין?' אוֹיף דֶעם זָאגְן שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סוֹטָה מח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (זְכַרְיָה ד, י): 'כִּי מִי בַז לְיוֹם קְטַנּוֹת', "מִי גָּרַם לַצַּדִּיקִים שֶׁיִּתְבַּזְבֵּז שׁוּלְחָנָן לֶעָתִיד לָבֹא", וָואס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען פַּאר דִי צַדִּיקִים אַז זֵייעֶר טִישׁ זָאל זַיין צֶעשְׁטֶערְט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט? "קַטְנוּת שֶׁהָיָה בָּהֶן" דִי וֵוייניג אֱמוּנָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמ).

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קוּם אִין אָפִּיס; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט קֵיין נֵייעֶ אָפִּיס, דַיין אָפִּיס זָאל בְּלַייבְּן בַּיי דִי יְשִׁיבָה אָפִּיס, דִי חֵדֶר אָפִּיס. דוּ וֵוייסְט דָאךְ סוֹף כָּל סוֹף אַבִּיסְל וִוי אַזוֹי אִיךְ וִויל זַאכְן זָאלְן זִיךְ פִּירְן, וְוִי אַזוֹי מֶען זָאל רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן, וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִּירְן מִיט עֶלְטֶערְן וָואס וִוילְן יָא צָאלְן, וָואס וִויל נִישְׁט צָאלְן, אָדֶער דִי וָואס וִוילְן צָאלְן אוּן הָאבְּן נִישְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳.

הַיינְט זָאגְט מִיר דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נֵייעֶם אָפִּיס; אִיךְ וִויל דִיר נִישְׁט אַיינְטֵיילְן וָואס צוּ טוּן, אִין בְּרֶסְלֶב זָאגְט מֶען נִישְׁט פַאר אַ צְוֵוייטְן וָואס צוּ טוּן, אָבֶּער אַלְס חַבֵר טוֹב זָאג אִיךְ דִיר, דַיין פְּלַאץ אִיז אִין אָפִּיס, "הַמַּתְחִיל בְּמִצְוָה אוֹמְרִים לוֹ גְּמוֹר", וֶוער עֶס הוֹיבְּט אָן אַ מִצְוָה - דַארְף עֶנְדִיגְן.

בִּפְרַט וֶוען דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פַארְמֶערְן זִיךְ; אִיךְ טֵייל יֶעצְט אוֹיס פִּינְקְט פוּפְצִיג עֶנְוֶועלָאפְּס, חוּץ דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׳דִיגֶע סְטֶעף; דַארְף אִיךְ דוּ זָאלְסְט זַיין אִין דִי מוֹסָד, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שְׂכַר לִימוּד אוּן אָנְוַואֶרעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ הֶעלְפְן. אִיךְ הָאבּ יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם פֵיינֶע חוֹבוֹת, צְוֵויי מֶעלָאוֹנֶעס; אִיךְ בִּין נֵייגֶערִיג וֶוען ... וֶועט מְתַרְגֵּם זַיין בְּלָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְוִי אַזוֹי עֶר וֶועט דָאס שְׁרַייבְּן, אֶפְשָׁר שְׁנֵי דְלוּעִין.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן; גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי מְחַזֵק אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִיטְלִיכְן, בִּפְרַט דִי וָואס אַרְבֶּעטְן אִין מוֹסָד; בִּלְבּוּלִים, חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ׳ וְכוּ׳; מֶען דַארְף הָאבְּן אַ גוּט וָוארְט, אֵיינֶער וָואס מֶען טְרָאסְט וְכוּ׳; וְוִי נִישְׁט בִּיסְטוּ דָאךְ מִיט מִיר אַלֶע יָארְן.

בְּלַייבְּזְשֶע מִיר גֶעזוּנְט.

...

## די קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט צוּרִיקְפַאלְן פוּן עִבְרֵי אִין דִי זוּמֶער וָואכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת קֹרַח, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

די עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין אַרְבֶּעט, דִי קִינְדֶער קֶענֶען גוּט דִי לִימוּדִים, זֵיי קֶענֶען גוּט לֵיינֶען.

יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער וָואכְן זָאלְסְטוּ זֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק פַאלְן. זֵייעֶר אַסַאךְ קִינְדֶער פוּן כִּתָּה א׳ וָואס הָאבְּן גוּט גֶעקֶענְט דִי עִבְרֵי קוּמֶען צוּרִיק נָאכְן זוּמֶער שְׁוַואכֶער וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען, וַוייל אִין דִי וָואכְן זֶענֶען קִינְדֶער זֵייעֶר פַארְשְׁפִּילְט, אוּן אַז מֶען חַזֶר׳ט נִישְׁט צֶען וָואכְן - פַארְגֶעסְט מֶען.

זָאלְסְטוּ זֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן חַזֶר׳ן יֶעדְן טָאג דִי עִבְרֵי, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי קֶענֶען גוּט לֵיינֶען.

כִּתָּה א׳ אִיז דֶער יְסוֹד פוּנֶעם לֶעבְּן; אוֹיב מֶען פַאלְט אַרוֹיס פוּן לֵיינֶען - קֶען מֶען נָאכְדֶעם נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין בַּיי קַיין שׁוּם כִּתָּה.

...

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת קֹרַח, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בַּיים לֶערְנֶען תִּיקוּנִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּאגֶעגְנְט מִיט אַזֶעלְכֶע זִיסֶע וֶוערְטֶער, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶענוּמֶען דֶעם פֶּעדֶער אוּן פַּאפִּיר דִיר צוּ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט, עֶר טַייטְשְׁט אוֹיס דִי מִצְוָה פוּן שִׁלּוּחַ הַקֵּן (תִּיקּוּן ו, דַף כא ע״ב): ״אֶפְרוֹחִים״ פֵייגֶעלֶעךְ, ״אִלֵּין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים״ דָאס מֵיינְט

מֶען דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה. "דִבְגִינְהוֹן" צוּלִיבּ זֵיי, "שַׁרְיָא שְׁכִינְתָּא" רוּט דִי הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה, "עַל יִשְׂרָאֵל" אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער. "אוֹ בֵּיצִים" אָדֶער אֵייעֶר; זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי - "אִלֵּין אִינוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן" דָאס מֵיינְט מֶען קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּיים מְלַמֵד; קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי וִוי אֵייעֶר, זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, נָאךְ פַאר'ן וֶוערְן פֵייגְלֶעךְ - גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "דִבְגִינְהוֹן שַׁרְיָא שְׁכִינְתָּא עַל יִשְׂרָאֵל" וָואס אִין זֵייעֶר זְכוּת רוּט דִי שְׁכִינָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:) דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף זֵייעֶר תּוֹרָה, "וְאִלֵּין" אוּן דִי קִינְדֶער, "אִינוּן מָארֵי מִקְרָא" לֶערְנֶען חוּמָשׁ.

"וּבִזְמְנָא דְאִינוּן עָסְקִין בְּאוֹרַיְיתָא" וֶוען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ, "אוֹ בְמִצְוָה" אָדֶער טוּעֶן מִצְוֹת, "דְאִנּוּן קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתָּא" פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, "וְגָרְמִי לְחַבְּרָא לוֹן כַּחֲדָא" קְלֶעבְּן זֵיי זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "יָרְתִין מִתַּמָּן נִשְׁמָתִין" זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, "וְאִתְקְרִיאוּ בָּנִים דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא" זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'דִי קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אוֹיף זֵיי זָאגְט דֶער פָּסוּק (דְּבָרִים כב, ו): "'לֹא תִקַּח הָאֵם עַל הַבָּנִים', דְאִימָּא לָא זָזָה מִנַּיְיהוּ לְעָלַם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיט זֵיי.

הֶערְסְט זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי? דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ חִיזוּק פַאר דִיר, דוּ זִיצְט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, עֶס אִיז דָא סַיי אֶפְרוֹחִים - דִי מְלַמְדִים, אוֹ בֵּיצִים - מִיט דִי קִינְדֶער, - זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם צוּ בְּרֶענְגֶען קְדוּשָׁה אוֹיף דִי וֶועלְט, זֵיי מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

נֶעכְטְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי דִיר אִין כִּתָּה בַּיי דִי סִיוּמִים, הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כֹּחוֹת; אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זִיצְן מִיט דִי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים.

...

### שְׁרַייבְּט מִיר וָואס מֶען דַארְף פַארְעֶכְטְן אִין אָפִּיס

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייעֶר אַרְבֶּעט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן מִיר שְׁרַייבְּן אַז דִי פִּילְטֶער אִין אָפִּיס אִיז נִישְׁט גוּט, אַזוֹי הָאבְּן מִיר דָאס גֶעקֶענְט פַארְעֶכְטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן וָואס פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף - זָאלְט אִיר מִיר דָאס שְׁרַייבְּן.

שְׁרַייבְּט מִיר אוֹיךְ וִויפִיל תְּהִלִּים אִיר זָאגְט, אוּן אַייעֶרֶע סִיוּמִים.

...

### דִי זוּמֶער וָואכְן אִין קֶעמְפּ זֶענֶען קְרִיטִישׁ וִויכְטִיגֶע וָואכְן פַאר דִי קִינְדֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי זוּמֶער וָואכְן אִין קֶעמְפּ זֶענֶען קְרִיטִישׁ וִויכְטִיגֶע וָואכְן פַאר דִי קִינְדֶער בִּכְלַל אוּן בַּאזוּנְדֶער פַאר דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְסוּדָר. אִין דִי וָואכְן קֶען מֶען אַסַאךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי, בַּיים שְׁלָאפְן גֵיין אוּן בַּיים עֶסְן, בַּיים שְׁפִּילְן אוּן בַּיים שְׁלָאפְן; מֶען קֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן זֵייעֶרֶע מִדּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן קִינְד, עֶס זָאל דִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג.

גֵיי שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער; בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר יֶעדְן תַּלְמִיד.

...

### יֶעדֶע קִינְד זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם, מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען וואוּינֶען אִין שְׁטֶעטְל, דִי גַאנְצֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה קוּקְט אַרוֹיס אוֹיף דִיר, דוּ וֶועסְט אַסַאךְ צוּגֶעבְּן פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר מְעוֹרֵר זַיין אִיךְ זָאל מֶער חַזֶרְ'ן מִיט מַיין זוּן ...., אִים הֶעלְפְן קֶענֶען גוּט דִי עִבְרֵי. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אָנְגֶעפַאנְגֶען מֶער לֶערְנֶען מִיט אִים, אִיךְ בִּין זִיכֶער דוּ וֶועסְט זֶען אַ גְרוֹיסֶע שִׁנּוּי לְטוֹבָה בַּיי זַיין לֵיינֶען.

אַז דוּ הָאסְט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַלֶע יָארְן אִין דִי ווִילְיַאמְסְבּוּרְג תַּלְמוּד תּוֹרָה וֶועט יֶעצְט זַיין פִּי כַּמָּה; דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז דִי לוּפְט אַסַאךְ רֵיינֶער, מֶען הָאט דָא אַ קְלָארֶע קָאפּ, אַ רֵיינֶע הַארְץ, מֶען קֶען מֶער טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית.

דִי סוֹד פוּן אַ גוּטֶער מְלַמֵּד אִיז: יֶעדֶע קִינְד זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד, זַיין מְלַמֵּד הָאט אִים לִיבּ.

...

### אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְף מֶען אוֹיךְ מְקַרֵב זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

...

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד.

זוּמֶער וֶוען דוּ וֵויילְסְט אִין קַאנְטְרִי - זָאלְסְטוּ מִיט חָכְמָה אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְוִוישְׁן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת.

אוּנְזֶער זַאךְ אִיז "הֲפָצָה"; וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט - דַארְפְן מִיר עוֹסֵק זַיין אִין "הֲפָצָה".

וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן הֲפָצָה מֵיינְט מֶען נִישְׁט נָאר דִי זַאךְ פוּן אוֹיסְטֵיילְן סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, קַארְטְלֶעךְ וְכַדּוֹמֶה; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן, מֶען

פַארבְּרֶענגְט מִיט מֶענְטְשְׁן, מֶען פִירְט זִיךְ שַׁיין מִיט מֶענְטְשְׁן – אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה וָואס אִיז שַׁיָיךְ.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְף מֶען אוֹיךְ מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל הִתְנַגְדוּת מִבַּיִת וּמִחוּץ, בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת; זֵיי דַארְפְן אַזוֹי שְׁטַארְק אַ גוּט וָוארְט, אוּן אוֹיסְרֶעדְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וִויסְן ווִי אַזוֹי אוּן וָואס אוּן וֶוען צוּ רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן, שְׁפִּילְן וְכוּ׳.

...

## אַ גְרוֹיסֶע מוֹדָעָה, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, מֶען זָאל נִישְׁט פָארְן שְׁנֶעל אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דִי שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל וָואס דוּ גֶעבְּסְט אַרוֹיס וֶוערְט שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער. דָאס אִיז גֶעוֶוען מַיין חָלוֹם; עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן הָאבְּן וָואס צוּ לֵיינֶען, אַן אוֹיסְגַאבֶּע אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה, תְּפִלָּה, עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

בִּיטֶע לֵייג אַרַיין וָואךְ נָאךְ וָואךְ אַ בַּקָּשָׁה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ פָארְן שְׁטַייט, מִיט אַחְרָיוּת – אִין דִי גַאסְן פוּן שְׁטֶעטְל.

דִי שְׁטָאטִישֶׁע בַּאאַמְטֶע הָאבְּן גֶעלֵייגְט סַיינְס אַז מֶען קֶען פָארְן בִּיז פֶערְצִיג מַייל אַ שָׁעָה; דָאס אִיז לוֹיט זֵייעֶר קָאפּ, אַז עֶס וואוֹינֶען דָא אַלְטֶע מֶענְטְשְׁן אָן קִינְדֶער, לְמַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מֶען טָאר נִישְׁט פָארְן אַזוֹי שְׁנֶעל, דִי גַאסְן זֶענֶען פוּל מִיט קִינְדֶער, עֶס אִיז מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעשְׁרִיבְּן, אָבֶּער אִיךְ רֶעד צוּ טוֹיבֶּע אוֹיעֶרְן, מֶען הֶערְט נִישְׁט.

בֶּעט אִיךְ דִיר, לֵייג אַ גְרוֹיסֶע מוֹדָעָה מִיט גְרוֹיסֶע אוֹתִיּוֹת, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, בִּיז עֶס וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען זָאל וִויסְן אַז דָאס אִיז

זַייעֶר מְסוּכָּן, מֶען קֶען הַרגְ׳עֶנֶען חַס וְשָׁלוֹם; עֶס אִיז שׁוֹין אַפָּאר מָאל גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּיפְ׳ן רָאוּד הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

...

**אַ פְרִישֶׁער בָּחוּר מַאכְט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר הֶעלְפְן שְׁרַייבְּן נֵייעֶס פַארְ׳ן שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל, דָא הָאסְטוּ אַ נֵייעֶס.

דִי קֶעפְּל זָאל זַיין: ״אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ לַיידְן גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת״.

ווִי מִיר וֵוייסְן אַלֶע אִיז אֵיינֶע פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה. דֶער עֶרְשְׁטֶער מֵפִיץ אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין שׁוּלְ׳ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, עֵצוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער ווִי אַזוֹי צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה.

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן אַ טִישׁ מִיט סְפָרִים אוּן וַוארְטְן אִין דִי זַייט, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר קֶענֶען מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ אִיד מִיט דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת; נִישְׁט אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעהַאט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּיגְן אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים גֶעשֶׁענְדֶעט, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר וַוייטֶער עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אַזוֹי אוֹיךְ, אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי, מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט כָּל יָמָיו עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הֲפָצָה; דִי וֶועג פוּן הֲפָּצָה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעמַאכְט - אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פַארְדֶעם, מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין דִי הַייזֶער אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ גֵיין אִין גַאס, אִין רֶעסְטוֹרַאנְטְן, חֲתוּנוֹת, שִׂמְחוֹת, אִיבֶּערָאל; אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען גֵייט הֲפָּצָה אֲפִילוּ מֶען קֶען אוֹיךְ פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן.

יֶעצְט אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ בִּזָּיוֹן, וָואס זַייט דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט הָאבְּן מִיר

נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט אַזַא בִּזָיוֹן; דִי בִּזָיוֹן נֶעמְט אַרַיין אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען קֶען הֶערְן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן דֶעם אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּנְזֶערֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וֵוייסְן נִישְׁט וואוּ זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעקְן פַאר בּוּשָׁה.

דִי מַעֲשֶׂה גֵייט אַזוֹי, עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, מָרְדְּכַי לֵייבּ נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ הֲפָצָה אַזוֹי וִוי אַ הוּנְגֶערִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס זֶעט עֶסְן, אַזוֹי וִוי אַ דוּרְשְׁטֶערִיגֶער וָואס גֵייט אִין מִדְבָּר אוּן טְרֶעפְט וַואסֶער; עֶר רוּט נִישְׁט, צוּ אִים קֶענְסְטוּ רֶעדְן נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן הֲפָצָה! עֶר לֶערְנְט נָאכְנִישְׁט אַ יָאר אִין יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט שׁוֹין מֵפִיץ גֶעוֶועןְ צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת - בְּלִי גֻּזְמָה.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע פַּאטְשׁ אִין פָּנִים פַאר זִקְנֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי וָואס לֶערְנֶען שׁוֹין אַפָּאר יָאר דָא אִין יְשִׁיבָה, אוּן אוֹיךְ פַאר דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע תַּלְמִידִים וָואס פְּרוּבִּירְן אַרָאפְּצוּלֵייגְן צְוֵויי דְרֵיי גִּלְיוֹנוֹת אַ וָואךְ צוּ שְׁטִילְן דִי שׁוּלְד גֶעפִילְן אוּן זִיךְ לָאזְן אַיינְרֶעדְן 'אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ מֵפִיץ'.

יָא יָא, דָאס אִיז זֵייעֶר גוּט בִּיז דוּ טְרֶעפְסְט מָרְדְּכַי לֵייבּ, קְלַאפּ זִיךְ אִין פְּלֵייצֶע אוּן זָאג זִיךְ אִין דִי אוֹיעֶר: "אִיךְ בִּין אַ מֵפִיץ..." אָבֶער אַזַא בִּזָיוֹן וָואס מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרִיבֶּער... מִיר קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין פוּן דִי נָאנְטֶע תַּלְמִידִים', פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען עֶכְט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, לָאמִיר הֶערְן וָואס? וִויפִיל? וואוּ? וֶוען? - פוּן הֲפָצָה, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן אַז נָאךְ בָּחוּרִים זָאלְן נִישְׁט דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן?

דִי וָואךְ אִיז גֶעוֶוען אַ טְרַאגֶעדְיֶע, אַ קִינְד הָאט זִיךְ דֶערְטְרָאנְקֶען, אַ גוֹי'אִישׁ קִינְד, מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם, מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּן דִי נַייעֶס; אַסַאךְ קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען יֶעדֶע רֶגַע פוּן נִסְיוֹנוֹת, תַּאֲווֹת - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מִיר הָאבְּן שְׁטְרִיק, מִיר הָאבְּן רֶעטוּנְגְס שִׁיפְלֶעךְ, רֶעטוּנְגְס וֶועסְטְלֶעךְ זַיי צוּ רַאטֶעוֶוען; פַארְוָואס נָאר מָרְדְּכַי לֵייבּ? לָאמִיר אַלֶע זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן, גֵיין הֲפָצָה, אָדֶער עַל כָּל פָּנִים אִים הֶעלְפְן מִיט אַ וֶועג צוּ גֵיין אוּן קוּמֶען.

מִיר וַוארְטְן און הָאפְן אַז אַלֶע אִינְאֵיינֶעם וֶועלְן טוּן וָואס מֶער פַּאר הַפָּצָה, מֶען וֶועט זִיךְ מֶער נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען.

גֶעעֶנְדִיגְט מִיט בִּזְיוֹנוֹת!

לֵייג אַ בִּילְד וְוי עֶר אִיז מֵפִיץ.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן דִיר צוּ שִׁיקְן נָאךְ שֵׁיינֶע נַייעֶס.

...

**אַז עֶס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס נָאר גוּט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יב, כה): ״דְּאָגָה בְלֶב אִישׁ״ אַ זָארְג אִין הַארְץ פוּן אַ מֶענְטְשׁ, ״יַשְׁחֶנָּה״ זָאל עֶר דָאס אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זַיין קָאפּ, נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן דֶעם.

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי׳ן קֶען מֶען זָאגְן: ״יַשְׁחֶנָּה״ - מִלָּשׁוֹן שִׂיחָה, שְׁמוּעֶסְן; ״דְּאָגָה בְלֶב אִישׁ״ - אַן עֵצָה פַאר אַלֶע זָארְג, ״יְשִׂיחֶנָּה״ - שְׁמוּעֶס עֶס אוֹיס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט אַוֶועקְגֵיין אַלֶע זָארְג.

״וְדָבָר טוֹב״ אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, ״יְשַׂמְּחֶנָּה״ מַאכְט פְרֵיילִיךְ; אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט, אַלֶע דַאֲגוֹת, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער - וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ. וַוייל דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, אַז אַלֶעס אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז עֶס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס נָאר גוּט, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען ״וְדָבָר טוֹב״ - אַלֶעס אִיז צוּם גוּטְן; אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זִינְגֶען: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז עֶס גֵייט מִיר גוּט - אִיז דָאס פוּן דִיר, און אַז חָלִילָה פַארְקֶערְט - אִיז דָאס אוֹיךְ פוּן דִיר, און אַז עֶס אִיז פוּן דִיר - אִיז דָאס זִיכֶער גוּט״.**

צוּ דִי מַדְרֵגָה פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים קֶען יֶעדֶער זוֹכֶה זַיין אוֹיב מֶען גֵייט

מִיט דִי עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאסְט שׁוֹין גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הִימְל?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בָּלָק, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

הָאסְט שׁוֹין גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הִימְל הַיינְט? הָאסְט גֶעטְרַאכְט פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע 'אַהה, עֶס אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, אַלֶעס אִיז עֶר, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן אוּן נִישְׁט עֶרְגֶער מַאכְן'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם: "הָאסְט שׁוֹין גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הִימְל?" יֶענֶער פְלֶעגְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין רֶבִּי'ן, אַ גֶעפִיל אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; מִיט דֶער צַייט הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען פַארְדִינֶען שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער, עֶר אִיז גֶעוָוארְן רַייכֶער אוּן רַייכֶער. דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן אַרַיינְגֶעטוּן אִין בִּיזְנֶעס, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְן אַ שָׁאקְל אוּן אַ פְרֶעג גֶעטוּן: "הָאסְט שׁוֹין גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הִימְל?"

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועסְטוּ זִיכֶער הֶערְן וִוי דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט דִיר: "הָאסְט שׁוֹין גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הִימְל?" דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען צוּ גֵיין אִין שׁוּל, צוּ עֶפֶענֶען אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא וְכוּ'.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ שִׁיעוּר, אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיט אַפָּאר װערְטֶער נֶעמְט מֶען אַװעק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בָּלָק, ט"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**
**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

מִיר זֶענֶען נָאכְאַלְץ אָפְּגֶערוּקְט מִיט אַ וָואךְ, בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקָא אִיז דִי וָואךְ פַּרְשַׁת בָּלָק, בַּיי עֶנְק אִיז שׁוֹין פִּנְחָס. אִיךְ װעל עֶנְק שְׁרַייבְּן וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט נֶעכְטְן בַּיים לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, צְוֵויי ווִיכְטִיגֶע נְקוּדוֹת.

דָאס עֶרְשְׁטֶע הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, טו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כב, לד): "וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל מַלְאַךְ ה' חָטָאתִי", בִּלְעָם הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער מַלְאָךְ שְׁטֵייט מִיטְ'ן שְׁװערְד הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעזָאגְט: "חָטָאתִי", זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: "שֶׁהָיָה רָשָׁע עָרוּם", בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער רָשָׁע, "וְיוֹדֵעַ שֶׁאֵין עוֹמֵד מִפְּנֵי הַפֻּרְעָנוּת אֶלָּא תְּשׁוּבָה", עֶר הָאט גֶעוְוּסְט אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס הַאלְט אָפּ אַ שְׁטְרָאף - אִיז תְּשׁוּבָה, "שֶׁכָּל מִי שֶׁחוֹטֵא וְאוֹמֵר חָטָאתִי", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט זָאגְט חָטָאתִי, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה - "אֵין רְשׁוּת לַמַּלְאָךְ לִגַּע בּוֹ", קֶען קַיין מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן; וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם מַלְאָךְ קוּמְט צוּ אִים מִיטְ'ן שְׁװערְד - הָאט עֶר גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּנֶעם שְׁטְרָאף.

דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק, וֶוען מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי דֶערְוַוייטֶערְט - זָאל מֶען זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ בֶּעט דִיר זַיי מִיר מוֹחֵל"; דִי פָּאר װערְטֶער נֶעמְט אַװעק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען בְּלִינְד אוֹיף אֵיין אוֹיג. רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (בַּמִּדְבָּר כד, ג) בִּלְעָם הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ צְווִישְׁן זֵיי, אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם (סוֹטָה יז.); ווִי קֶען זַיין: "מִי שֶׁהוּא קָדוֹשׁ וּמְשָׁרְתָיו קְדוֹשִׁים" - זָאל זַיין צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ? דִי טוּמְאָה ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל לֶעבְּן מַאן אוּן וַוייבּ, וַוייל וֶוען מֶען לֶעבְּט מַאן אוּן וַוייבּ

בְּשָׁלוֹם וּבְאַהֲבָה - אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, מֶען אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַאֲרִיךְ זַיין יֶעצְט עֶרֶב שַׁבָּת, אִיךְ וִויל אָבֶּער בֶּעטְן פוּן דִי מְלַמְּדִים בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אִיךְ וִויל מֶען זָאל לֶערְנֶען נָאר אוֹיף אִידִישׁ, אַלֶעס זָאל זִיךְ אַרוּם דְרֵייעֶן אִידִישׁ; אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִי טְמֵאִים, מִיט דִי עֵרֶב רַב; אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן רֶעדְן נָאר אִידִישׁ, אִיךְ וִויל גֶעבְּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַ רֵיינֶע חִינוּךְ.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר הָאבְּן טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים מִיט אַ גוּטֶער מְנַהֵל וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט יֶעדְן פְּרַט אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אִיךְ הַאלְט מִיט יֶעדֶע פְּרַט מִיט יֶעדְן קִינְד; מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן אַנְדֶערֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס, דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי לֶעבְּן מִיט תְּפִלָּה, זֵיי לֶעבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

בַּיי אוּנְז גְרֵייט מֶען זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מִיר הָאבְּן הַיינְט גֶעקוֹיפְט טִיקֶעטְס, וְנִזְכֶּה וְנִחְיֶ׳ צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי וִוי אַ דְרֵייוֶוער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בָּלָק, ט״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק לְכָבוֹד חֲבוּרַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בֵּית שֶׁמֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ בַּאקוּם גוּטֶע גְרִיסְן פוּן עֶנְקֶער חֲבוּרָה, פוּן דִי אַחְדוּת צְוִוישְׁן עֶנְק, פוּן דִי שִׂמְחָה וָואס הֶערְשְׁט וֶוען אִיר קוּמְט זִיךְ צוּזַאמֶען.

אִיךְ וִויל בֶּעטְן דִי גַבָּאִים זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת וָואס דַאוֶוענֶען גֶעשְׁמַאק; מֶען קֶען נִישְׁט צוּשִׁיקְן אַבִּי וֶוער זָאל אָפְּכִיפֶּערְן דָאס דַאוֶוענֶען. דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דַארְף דַאוֶוענֶען גֶעשְׁמַאק, אַיינְגֶענֶעם, מִיט אַ זִיסְקֵייט; דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי וִוי אַ דְרֵייוֶוער, אַז דֶער דְרֵייוֶוער פָּארְט ווִילְד - וֶוערְן אַלֶע אוֹיפְגֶעשָׁאקְלְט, מֶען וֶוערְט נָאוֹשֶׁעס; אַזוֹי אוֹיךְ אַ בַּעַל

תְּפִלָּה קֶען נִישְׁט אָפְּכַאפְּן דָאס דַאוֶונֶען, מֶען דַארְף דַאוֶונֶען גֶעשְׁמַאק, נִישְׁט אוֹיסְצִיעֶן אוּן נִישְׁט כִיפֶּערְן.

עֶס אִיז בֶּעסֶער אִיר זָאלְט צוּשִׁיקְן אִינְגֶעלַייט פַאר בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת, נִישְׁט קַיין בָּחוּרִים; אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין פַּאסִיגֶע בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת קֶען מֶען צוּשִׁיקְן אַ בָּחוּר.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף זְמַן רַבֵּינוּ תַּם, חַס וְחָלִילָה צוּ טוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַ מְלָאכָה פַארְ'ן זְמַן רַבֵּינוּ תַּם; אָבֶּער דַאוֶונֶען מַעֲרִיב קֶען מֶען שׁוֹין אַבִּיסְל פַארְ'ן זְמַן. אַזוֹי פְלֶעגְט זַיין בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעדַאוֶונְט אַבִּיסְל פְרִיעֶר, אוּן הַבְדָלָה אִיז גֶעוֶוען גְלַייךְ בַּיים זְמַן רַבֵּינוּ תַּם.

מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף ז' יָמִים צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף זִיבְּן טֶעג, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

בְּנוֹגֵעַ וֶוער עֶס זָאל פָּארְלֶערְנֶען בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת; מֶען קֶען מַאכְן יֶעדֶע וָואךְ זָאל אַ צְוֵוייטֶער פָּארְלֶערְנֶען. אַזוֹי הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, יֶעדֶע וָואךְ הָאט אַ צְוֵוייטֶער פָּארְגֶעלֶערְנְט. מֶען אִיז גֶעזִיצְן אִין אַ רִינְג אַרוּם דֶעם טִישׁ, יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט זַיין מָקוֹם קָבוּעַ, אוּן יֶעדֶע וָואךְ הָאט אַ צְוֵוייטֶער פָּארְגֶעלֶערְנְט, עֶס הָאט גֶעהַאט אַלֶע טַעֲמִים. מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט שִׂיחוֹת הָרַ"ן; דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שִׂיחָה א', דֶער צְוֵוייטֶער שִׂיחָה ב', אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט בִּיז מִיר הָאבְּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען שִׂיחוֹת הָרַ"ן. דֶערְנָאךְ זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּ חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, בִּיז שְׁפֶּעטֶער הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מְמַנֶּה גֶעוֶוען אֵיינֶעם צוּ רֶעדְן, אוּן נָאכְדֶעם הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל רֶעדְן.

אוֹיךְ אִיז כְּדַאי אֵיינֶער זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן דַאוֶונֶען אוּן זִינְגֶען זְמִירוֹת.

אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן: "אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן - וֶועט אִיר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין".

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**אִין דִי דְרֵייִ וָואכְן מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין צַאמְקוּם בַּיים יַם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בָּלָק, ט״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

...

אִין דִי דְרֵייִ וָואכְן מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין צַאמְקוּם בַּיים יַם, אוּן זִיכֶער נִישְׁט פָּארְן מִיט אַ שִׁיף.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶער

## אַ מְחַיֶּה פָּאוֹת!

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִּי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן פוּנֶעם גְרוֹיסֶע צַדִּיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הֶיילְפְּרִין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; מִיר רוּפְן אִים רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער וַוייל עֶר שְׁטַאמְט פוּן אַ שְׁטָאט קַארְדוּן, אַ שְׁטֶעטְל אִין פּוֹילְן.

דֶער רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דָארְט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט זַיין וַוייבּ גִיטְל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם. עֶר הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָ׳, דָארְט הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר פְלֶעגְט גֵיין קַיין מִירוֹן, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אִין דִי מְעָרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי טָאג אוּן נַאכְט, דָארְט הָאט עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּן גֶעלֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים.

לֵיידֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט,

דֶעמָאלְט הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַגֵיפָה, כָאלֶערֶע; זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן דֶעמָאלְט. זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער מָרְדְכַי אוּן אֶסְתֵּר זֶענֶען קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶעשְׁטָארְבְּן, אוֹיךְ זַיין ווַייבּ גִיטְל אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, עֶר הָאט אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי זָאל וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן זִי אִיז טַאקֶע גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן.




שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ וֶוער נִפְטָר מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת

נָאכְדֶעם אִיז רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קְרַאנְק גֶעוָוארְן מִיט דִי מַחְלָה חוֹלִירַע; עֶר הָאט גֶעדַארְפְט לִיגְן אִין אַ לֵיידִיגֶע צִימֶער, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט דָארְט אַרַיינְגֵיין; עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן מִיט זַיין וַוייבּ דוּרְךְ אַ קְלֵיינֶע פֶּענְסְטֶער. זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "יִשְׂרָאֵל, וָואס מַאכְסְטוּ? יִשְׂרָאֵל וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְסְטוּ זִיךְ?" הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אִיךְ דַאנְק גָאט אַז מַיין נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיס פוּן מִיר מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת".

אַזוֹי הָאט דֶער צַדִיק צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען הָאט אִים בַּאעֶרְדִיגְט אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָ'.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת; מִיר דַארְפְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז מִיר הָאבְּן פֵּאוֹת, אוּן וֶוען מִיר וֶועלְן וֶוערְן עֶלְטֶער וֶועלְן מִיר אוֹיךְ הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע בָּארְד; מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּשְׁנַיידְן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת אוּן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד.

# היסטארישע דורכברוך

אין די וועלט פון ערליכע
## אידישע ליין מאטריאל!

ערליכע מעשיות דערציילט
דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א

כמה מעלות טובות
# מַעֲשֶׂה'לֶעךְ




- מעשה'לעך וועט אריינבאקן אמונה אין די קינדערלעך
- מעשה'לעך וועט איינ-געוואוינען רעדן צו און פונעם אייבערשטן די מיילער פון די קינדערלעך
- מעשה'לעך וועט אויפבויען די דרך ארץ און מידות טובות ביי די קינדערלעך
- מעשה'לעך וועט ווייזן די ריכטיגע וועג פאר אייערע קינדער צו זיין ברסלב'ע קינדערלעך

ברסלב

די מעשה'לעך קינדער ביכל וועט בעזר ה' זיין צו באקומען
אין די נאנטע טאג ביי די מפיצים און ביי די קרן הדפסה.

קחו ברכה אל תוך בתיכם!